בס"ד

# "אויפשטיין" צו סליחות...

# נישט 'זיך ארויפלייגן'...

**מאמר השקפה**

פרשת נצבים -וילך

שנת תשפ"ו לפ"ק

מיר שטייען שוין ערב ראש השנה תשפ"ז.

**חודש אלול... ימי הרחמים והסליחות...**

כסדר, כסדר ווען מיר הערן דרשות פון רבנים ומגידים איבער חודש אלול, איבער ראש השנה, איבער די ימי הדין, הרחמים והסליחות, ווערט אויפגעברענגט ווי אזוי עס האבן אויסגעזען די טעג אין דער אלטער-היים.

אלול... די פיש אין ים האבן געציטערט... ווען דער אלטער שמש איז ארומגעגאנגען מיט'ן האמערל קלאפן אין די לאדנס "שטייט אויף צו סליחות!" איז יעדער געשפרינגען פון די בעטן, מען איז געלאפן אין די גאסן, און מען האט מורא געהאט. מ'האט געציטערט.

מיר האבן געהערט פון אונזערע זקני המשפחה, ווי אזוי עס האט אויסגעזען אינדערהיים אין קליינווארדיין, ווען אונזער זיידע **הגה"ח רבי שמואל יעקב ראטה זצ"ל הי"ד שו"ב בעמח"ם דברי שיר**, איז אהיימגעקומען ראש חודש אלול פון ביהמ"ד האט ער צוזאמען גענומען אלע קינדער און ער האט זיי געזאגט "קינדערלעך, **מ'האט אריינגעטרעטן אין חודש אלול, מ'האט שוין היינט געבלאזן שופר אין שוהל**". אלעס האט אויסגעבראכן אין א געוויין, "געוואלד, מ'בלאזט שוין שופר אין שוהל".

היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו.

מיר זענען ליידער היינט זייער ווייט דערפון, ליידער, מיר האבן שוין נישט די אמאליגע אלטע אידן, ליידער זעען מיר נישט די אידן וואס דרייען זיך ארום חודש אלול מיט א אויסגעגאסענעם פחד אויפן פנים, און מ'זעט נישט ווי דער אימת הדין זאל דורכנעמען דעם מענטש פשוט נאר פאר די סיבה ווייל מ'שטייט פאר א זמן וואס איז 'המלך יושב על כסא רם ונשא'.

אבער דאך, ווען מ'דערמאנט צרות ישראל, ווען עס קומט אויף אויפן זכרון דער '**מי לא נפקד כהיום הזה**', ווען מ'טראכט זיך איבער וויפיל אידן וואס זענען געווען פאריאר אין ביהמ"ד מיט א רואיגקייט נישט קלערנדיג אז זיי זענען אויף די 'שווארצע ליסטע' זענען היי יאר נישט מיט אונז, וויפיל שיינע שטיבער וואס זענען געפארן אזוי געמיטליך על מי מנוחות זעען היינט אויס ווי א וואקלדיגע שיף ווען דער ראש המשפחה איז דערווייטערט פונעם נעסט, וויפיל צובראכענע הערצער איז דא בעניני שידוכים, בעניני פרנסה, און אומצאליגע אנדערע ענינים, דא איז יעדער מודה אז יא, עס איז דא אויף וואס צו וויינען, עס איז דא אויף וואס צו לאזן טרערן.

**ווען מ'דערמאנט צרות ישראל, ווען עס קומט אויף אויפן זכרון דער 'מי לא נפקד כהיום הזה', ווען מ'טראכט זיך איבער וויפיל אידן וואס זענען געווען פאריאר אין ביהמ"ד מיט א רוהיגקייט נישט קלערנדיג אז זיי זענען אויף די 'שווארצע ליסטע' זענען היי יאר נישט מיט אונז, וויפיל שיינע שטובער וואס זענען געפארן אזוי געמיטליך על מי מנוחות זעהן היינט אויס ווי א וואקעלדיגע שיף ווען דער ראש המשפחה איז דערווייטערט פונעם נעסט, וויפיל צובראכענע הערצער איז דא בעניני שידוכים, בעניני פרנסה, און אומצאליגע אנדערע ענינים**

ווי אזוי פלעגט מרן **רביה"ק מסאטמאר זי"ע** אויסשרייען ביי זיינע פייערדיגע דרשות פאר תקיעת שופר: "**ווען מיר העטן געוואוסט פאריאר וואספארא שווארץ יאר מ'שרייבט אן אויף אונז, וואלטן מיר נישט אהיים געגאנגען פון בית המדרש ביז מיר וואלטן זיכער געווען אז מ'האט צוריסן דעם גזר דין**".

עס איז ידוע אז עס איז דא א לענגערער שמועס צי מ'מעג אין די ימים נוראים מתפלל זיין אויף אייגענע צרכים, צי מ'דארף ווידמען די גאנצע תפילה נאר אויף '**ותמלוך אתה הוא ה"א מהרה לבדך על כל מעשיך**', און נאר וויינען און בעטן אויף כבוד שמים. אבער דער בעש"ט הק' וכל קדושיו עמו זענען שוין מאריך אז ווען מיר זענען היינט מתפלל אויף אונזערע גשמיות'דיגע צרכים מיינען מיר אז מיר זאלן אזוי קענען אנקומען צום רוחניות, און דאס איז א אויסגעהאלטענע תפילה, און אדרבא, דאס איז דער חובת כל היצור איינצוריסן, אויסוויינען, און אויסבעטן אין די טעג.

ליידער, מיר גייען צו צום ראש השנה, מיט צובראכענע הערצער, עס ווייזט פון זיך אליין, דאס הארץ איז צוריסן אויף

שברי שברים. מ'דארף נישט קיין תרועה מיט קיין שברים, קיין יללות און יבבות וואס זאלן אונז מעורר זיין, נאר פשוט, דאס אומקוקן זיך אויפן מצב ארום און ארום איז שוין מסוגל צו מאכן מיט אונז אלעס וואס עס פעלט זיך נאר אויס.

אה, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם... היום דא ראש השנה.

## אונזער ארגינעלע 'סליחות' אטמאספערע

סליחות אמאל און היינט.

ערליכע אידן רעדן אלעמאל מיט השתוקקות פונעם אמאל, ווען א ערליכער טאטע רעדט צו זיינע קינדער, וועט ער אלס דערציילן ווי אזוי דער זיידע האט זיך געפירט; ווען א מלמד אין חדר וויל אריינברענגען ווארעמקייט אין זיינע תלמידים, וועט ער דערציילן ווי אזוי תלמידי הבעש"ט זי"ע האט געטון; ווען חסיד'ישע אידן ווילן זיך אויפפלאמען און אנווארעמען צו עבודת השם, וועלן זיי איבערזאגן דברי תורה וחסידות וואס דער רבי ז"ל האט געטון.

**'סליחות'... פארטאגס, עס איז טונקל אינדערויסן, א קילער לופטל בלאזט, עס שלאפט זיך געשמאק, אבער דער וועקער-זייגער - וואס פארנעמט דאס ארט פונעם אמאליגן אלטן שמש - קלונגט און זאגט 'שטייט אויף צו סליחות, שטייט אויף לעבודת הבורא'...**

**דער טאטע וועקט אויף דעם קליינעם ניין יעריג משה'לע, וועלכער האט איבערגעלאזט א קליין זיס צעטעלע אויפן טיש איידער ער איז זיך געגאנגען לייגן 'טאטי, ביטע, וועק מיך אויף צו סליחות'.**

עס איז ביי יעדן א דבר פשוט וברור אז אויב מיר ווילן זיך האלטן, אויב ווילן מיר בלייבן ערליכע אידן, אויב ווילן מיר ווייטער זעהן ערליכע דורות, איז דאס נאר אויב מיר וועלן אריבערשלעפן דאס אמאליגע ערליכקייט, דאס אמאליגע ערנסטקייט, דאס אמאליגע חמימות צו יעדע דבר מצוה, די אמאליגע הכנה צו יעדן יום טוב, די הרגשה וואס מ'האט געהאט ווען מען האט זיך געגרייט מיט אן הכנה צו די מצות עשה שהזמן גרמא, און דאס זעט מען כסדר ביי אלע ערליכע אידן וואס זעען אין דעם א יסוד גדול.

איינע פון די גאר ריינע מאמענטן וואס ערליכע אידן האבן געהאט אמאל, און איבערגעפלאנצט אין אמעריקע, איז "**סליחות**".

פארטאגס, עס איז טונקל אינדרויסן, א קילער לופטל בלאזט, עס שלאפט זיך געשמאק, אבער דער וועקער-זייגער – וואס פארנעמט דאס ארט פונעם אמאליגן אלטן שמש – קלינגט און זאגט '**שטייט אויף צו סליחות, שטייט אויף לעבודת הבורא**'.

דער טאטע וועקט אויף דעם קליינעם ניין יעריג משה'לע, וועלכער האט איבערגעלאזט א קליין זיס צעטעלע אויפ'ן טיש איידער ער איז זיך געגאנגען לייגן '**טאטי, ביטע, וועק מיך אויף צו סליחות**'.

עס איז נישט לייכט, דער טאטע דארף אים עטליכע מאל וועקן, ווייל משה'לע איז נישט געוואוינט אויפצושטיין 4:30 פארטאגס, אבער ווי נאר ער גיסט זיך אפ נעגל-וואסער איז ער מלא שמחה, '**איך בין אויפגעשטאנען צו סליחות**'.

ער כאפט אן דעם טאטנס האנט און מ'גייט אין שוהל מיט שנעלע טריט, דער טאטע רעדט ווייניג, פארטאגס שמועסט מען נישט, ער שטייט אינדרויסן ווען דער טאטע גיט אים איבער דעם 'סליחות'ל' אין די האנט און לויפט כאפן א טבילה במקוה, און מיט זיינע האלב-פארשלאפענע אויגן הערט ער דעם '**יתגדל ויתקדש שמיה רבא**'... מיט'ן זעלבן '**אהה... האאאא...**' וואס זיין עלטער זיידע האט אנגעהויבן די ימי הסליחות מיט 100 יאר צוריק.

דאס איז עפעס אן אוצר, עפעס א ירושה וואס איז אונז געבליבן לפליטה, ארגינעל, עס זעט אויס ווי אמאל, און דאס איז ברבות השנים נישט 'געדעמעזשט' געווארן ברוך השם, עפעס פון אונזער אלטער אוצר וואס מיר האבן באקומען פון אונזערע עלטערן, און זיי פון זייערע עלטערן, און עס זעט נאך ב"ה אויס גענוי די זעלבע היינט ווי אמאל.

## נישט זיך אראפלאזן

אנטשולדיגט פאר'ן אראפקריכן פון די הייליגע הויכע אטמאספערע אויף אראפ, אראפ...

עס איז נישט אונזער עסק צו זיין פארנומען מיט די שולי קדירה, די 'מחנה מגושמים', נישט מיר קוקן אויף זייער ריכטונג, און זיי זענען אויך נישט אינטערעסירט וואס עס ווערט געשריבן אין אונזער ווינקל.

דאס אז עס ווערט ליידער פארמערט די קבוצות נערים פוחזים וריקים מקצה המחנה, און פראוון '**סליחות קומזיץ**', באגלייט מיט אן א.ג. 'דרשת התעוררות', און מיט כל מיני כלי זמר, וואס זאל ערוועקן די 'עמאשענס'... צו סליחות, וואס דאס עצם דאווענען מיט כלי זמר איז גע'אסר'ט געווארן דורך רבותינו הק' מיט די שארפסטע איסורים אין די תקופה ווען די ערשטע משכילים און רעפארמער האבן דאס אנגעהויבן אריינברענגען ביי כלל ישראל, דאס איז נישט אונזער עסק בכלל.

מיר זעען נישט וויאזוי די פוחזים רעכטן אפ יעדן שבת, מיר זעען נישט וויאזוי עס זעט אויס זייער ראש השנה און יום כיפור, און מיר זענען נישט אויסן מיט אונזערע ווערטער צו אפעלירן צו זיי און צו מתקן זיין זייער מצב אין אידישקייט.

(במאמר המוסגר מוז ווערן צוגעגעבן אז די ווערטער זאלן נישט

שלעכט פארשטאנען ווערן: קוים א וואך צוריק האבן מיר אין דעם מאמר געוויינט אויפ'ן מציאות בעוה"ר, און ווי עס איז אונזער פליכט לעמוד על המשמר, אכטונג געבן אויף די וואס הייבן אן צו פאלן און גליטשן אז זיי זאלן נישט אנגעקומען אהין.

מיר קענען זיך קיינמאל נישט אפשאקלען פון דאס אחריות וואס מיר האבן פאר יעדע אידישע נשמה, בפרט פאר די נדחים וואס זענען נתגדל געווארן ביי אונזערע קהילות און מוסדות, און מחמת כל מיני סיבות זענען זיי ארויסגעפאלן, און ליידער אזוי ווייט פארפארן.

כל ישראל ערבים, עס איז יא אונזער חוב, און יא אונזער אחריות, ווי מיר האבן שוין באריכות ארויסגעברענגט אינעם ארטיקל די פארגאנגענע וואך אונזער ווײ-געשריי איבער די אומצאליגע נפשות נקיות וטהורות וואס זענען נאך דערוועיל ביי אונז, אבער זיי שטייען ביים שוועל, און מיטן עטליכע ריכטיגע 'אפיסעס מיט עסקנים' וועלן זיי בע"ה זאגן סליחות מיט זייערע קינדערלעך אין אונזערע בתי מדרשים, ומי יתן והיה אז דער הייליגער רוף זאל געענטפערט ווערן דורך די ריכטיגע עסקנים.

אבער ס'איז יש ויש, און ס'איז זייער גרינג צו לערנען דעם 'שיטת החילוק' אויף וועמען מ'קען יא משפיע זיין און וועמען נישט.)

אזעלכע פארברענגען מטעם 'מחנה מגושמים' ווערט ליידער מער און מער אפעציעל, יעדע יו"ט מיט זייער אופן, און יעדע יומא דפגרא מיט אנדערע פארשריפטן, און אלעס בלאזט ארין קאלטע ווינטן אויך במחנינו אנו ה"י.

מיר מוזן מחנך זיין אונזערע דורות מיט אן אפשיי און עקל צו דעם גאנצן מציאות.

ביי א מצורע זאגט די תורה "וטמא טמא יקרא", ער זאל שרייען 'טמא טמא' נישט ארייגייען אין קיין דיסקוסיעס מיט'ן מצורע, נישט פרעגן פארוואס און פארווען, נאר 'טמא' איז 'טמא' און מ'שטעלט זיך נישט אפ קיין איין רגע דעבאטירן און דיסקוסירן ווי ווייט און ווי שרעקליך.

די רגע וואס מ'הייבט אן ארייגצוגיין אין פרטים איז שוין דא צוויי דיעות, צוויי מיינונגען און צוויי שיטות, און מען האט שוין א חוב און אחריות צו קענען מכריע זיין וועלכע פון די צוויי איז גערעכט, און וועלכע איז אויסגעהאלטן.

אונזער חומת הבדלה איז אלעמאל גענוג שטארק און גענוג געבויעט, און ווען עמיצער האט מחליט געווען אז ער וויל גיין מחוץ למחנה, האט ער זיך ארויסגערוקט אינדרויסן, און מיט ווייטאג האט מען געמוזט באשטעטיגן אז 'ער איז ניט קיין אונזעריקער'... אבער, דער מציאות האלט זיך אינמיטן טוישן. פינסטערע לאנגע שטעכענדיגע נעגל גראבן זיך אריין אינעווייניג אין אונזער חומה.

עס איז אן אנגענומענער כלל ביי יעדע מלחמה צו האלטן דעם פראנט ווי ווייטער אוועק פונעם גרעניץ, שטופן דעם פראנט ווי נענטער צום לאגער פונעם שונא, מ'לייגט אריין אלע כוחות נישט לאזן דעם שונא ארויסגיין פון זיינע גבולים, אז ער זאל ניטאמאל האבן א געלעגנהייט אנצוקומען צו אונזער לאגער.

## 'אונז' זעמיר 'אונז', 'זיי' זענען 'זיי'

מורי ורבותי.

מיר גייען אריין אין א נייעם יאר, מיר ווילן האבן א גוט געבענטשט יאר, אבער מיר מוזן זיך צוגרייטן בהתאם צום מציאות.

טאטעס און מאמעס פון קינדער זייט וויסן קלאר און דייטליך 'לא כימים הראשונים ימים האחרונים', אונזערע קינדער ווערן ערצויגן אין א צווייטע לופט ווי מיר זענען ערצויגן געווארן מיט א דור צוויי צוריק, און זיי קענען זיך נישט ערלויבן צו וואקסן ערליך און אפגעהיטן אויב דאס זאל נישט קומען באגלייט מיט א געוואלדיגע אחריות און שמירה אויף טריט און שריט.

**איינער מוז איבערשטייגן דעם צווייטן. אויב דער ברענגט א באס, דארף ער ברענגען א שיף. דער ברענגט א גרויסן מוזיקאנט, דער אנדערער ברענגט א גרויסן עלעפאנט. וואס מער הולטיי, וואס מער משוגעת, אלס מער געלט, און ס'קייקלט און ס'קייקלט זיך אן קיין עק.**

**אן אנדערער ביישפיל, וויאזוי ס'איז לעצטנס פארוואנדלט געווארן דאס פארן צו קברי צדיקים. א הייליגע און וויכטיגע באגריף, וואס דער ס"מ זוכט מיט אלע כוחות אויסצושפרייטן דערויף זיינע לאפעס.**

געדענקט! אונזער שונא האט אויפגעבויט זיין פראנט זייער נאנט צו אונז.

אין אלע היימישע געגנטער ווערן כסדר אדווערטייזט אלע סארט פארברענגען, אלע סארט קאנצערטן, אלע סארט שפילן, וואס ווערט געפירט דורך 'יענע חברה'.

מיר מוזן אנהאלטן אונזער חומה כסדר אז עס איז דא א 'אונז' און א 'זיי', און מיר זענען נישט 'זיי'.

אונזער שמירה פון די אלע איבלען איז נאר אויב מיר וועלן מחנך זיין אונזערע קינדער אויף א 100% אנטי יעדע נייע זאך, אנטי-אמעריקע, מיט א הבדלה והפרשה גמורה. אידישקייט דארף בלייבן ארגינעל ווי ביי אונזערע זיידעס, און נישט זוכן קיין שום היתרים און לוקסוס אין ערגעץ אנדערש.

עס איז אונזער הייליגער פליכט אין אונזער הכנה צום נייעם יאר לאמר למלאך המשחית הרף, מיר דארפן צוריק בויען די גרעניצן, מיר דארפן צוריק שטעלן די חומות, מיר דארפן זען אז אונזערע שבתים און ימים טובים זאלן אויסזעהן געגוי ווי אמאל.

אונזערע קינדער זאלן זען און הערן פון אונז וואס מיר האבן געהערט פון אונזערע עלטערן, און נישט לאזן אוועקרוקן די חומה, נישט לאזן די 'רחוקים' ברענגען די מלחמה אריין דא למחנינו, אז מיר זאלן זיך דארפן שלאגן אויף יעדן הויז און יעדן בנין אין אונזערע געגנטער.

## האלטן הייליג אונזערע הייליגע מושגים

ספעציעל איז עס גאר וויכטיג צו האלטן די אויגן אפן ווען ס'קומט צו הייליגע און וויכטיגע מושגים און באגריפן.

ס'איז גרינגער זיך צו שלאגן מיט א שונא ווען ער 'רופט אן דאס קינד ביים נאמען', אבער ווען ער נוצט א הייליגן שלייער צו פארקליידן די תאוות עוה"ז, ווען ער פארקליידעט עס אונטער א הייליגע מאסקע, איז אסאך שווערער אים צו דערקענען – און מיר דארפן דארט שווערער ארבעטן אים צו דעמאסקירן.

לאמיר אנכאפן איין לעצטיגע דוגמא, פון אן ערשיינונג וואס ווערט אלס ערגער און ערגער:

**די הייליגע מצוה פון צדקה.**

מיר מיינען נישט קיינעם פערזענליך. ס'זענען פאראן אסאך הייליגע און קריטישע לעבנסוויכטיגע צוועקן וואס מ'דארף פאר זיי זאמלען וואס מער און מיט'ן גרעסטן אייפער. די גרעסטע און חשוב'סטע צדקות און צוועקן וואס זענען נאנט און טייער ביי יעדן אין הארץ.

ליידער שטעלט זיך אבער ארויס אז ס'איז געווארן א גאנצער 'געיעג צום אפגרונד'. מוסדות און ארגאניזאציעס וואס זוכן אויפצוטרייבן ריזיגע געלטער וועלן פארוואנדלען זייערע אווענטן אין א מאדנעם, אפט געמיינעם, ספעקטאקל פון פרעסעריי, ליצנות, און הולטייען.

זייער אפט טרעפט מען דאס שענסטע און בעסטע ווי זיי געפינען זיך ממש ווי פארכאפט ביי אזעלכע אווענטן. דאס הארץ גייט זיי אויס פאר צער ווי זיי האבן זיך געטראפן פארווירבלט אין אזא געמויזעכץ, אבער אין די זעלבע צייט ברענט זיי אין הארץ די וויכטיגע צדקה צוועק, און דאס פארדעקט און פארווישט אויף אלע הארץ קלאפענישן.

און איינער מוז איבערשטייגן דעם צווייטן. אויב דער ברענגט א באס, דארף ער ברענגען א שיף. דער ברענגט א גרויסן מוזיקאנט, דער אנדערער ברענגט א גרויסן עלעפאנט. וואס מער הולטיי, וואס מער משוגעת, אלס מער געלט, און ס'קייקלט און ס'קייקלט זיך אן קיין עק.

אן אנדערער ביישפיל, וויאזוי ס'איז לעצטנס פארוואנדלט געווארן דאס פארן צו קברי צדיקים. א הייליגע און וויכטיגע באגריף, וואס דער ס"מ זוכט מיט אלע כוחות אויסצושפרייטן דערויף זיינע לאפעס.

ס'איז דא א.ג. '**נסיעות למקומות הקדושים**' וואס מ'טוט דארט צושטעלן די גאנצע 'הבלי עולם הזה', עס איז 'דכולא בה', אלעס, חוץ '**קדושים**'! מ'קומט אהיים נאך ערגער ווי מ'איז ארויסגעפארן, און אלעס אונטער די מאסקע פון '**געפארן צו הייליגע צדיקים**'.

ועוד כהנה וכהנה.

צו אונזער גרויס צער און ווייטאג דארפן מיר צוגעבן אז דאס כאפט זיך אזוי שנעל אריבער ווייטער, אז חשוב'ע ישיבות, ווען זיי ווילן אויפטרייבן א סכום געלט לטובת הכנסת כלה - צי פאר א קאסע לטובת די מרביצי תורה, אדער די בחורים פאר זייערע חברים - איז שוין נישטא קיין נארמאלער וועג צו מאכן געלט, נאר מיטן נאכמאכן די ארגאניזאצעס מיט א פול-טיים בדחן - וואס אגב, גראגערט אין קאפ און לאזט נישט מאכן רוהיגע טעלעפאן-קאלס - מאכלים, מעדנים וממתקים ליגט גרייט די גאנצע צייט, און טענץ מיט מוזיק באישון לילה... און בקרוב וועט יעדע ישיבה האבן א 'פלעי' בפני עצמה, אלעס פאר די פאר דאללער, וואס 'א סוד פאר גאנץ בראד' אז לכה"פ 50% גייט אראפ פאר די הוצאות...

**שוין נישטא קיין נארמאלער וועג צו מאכן געלט, נאר מיטן נאכמאכן די ארגאניזאצעס מיט א פול-טיים בדחן - וואס אגב, גראגערט אין קאפ און לאזט נישט מאכן רוהיגע טעלעפאן-קאלס - מאכלים, מעדנים וממתקים ליגט גרייט די גאנצע צייט, און טענץ מיט מוזיק באישון לילה... און בקרוב וועט יעדע ישיבה האבן א 'פלעי' בפני עצמה, אלעס פאר די פאר דאללער, וואס 'א סוד פאר גאנץ בראד' אז לכה"פ 50% גייט אראפ פאר די הוצאות...**

דאס איז שוין חינוך 2026!

דאס דארף זיך אפשטעלן! דאס דארפן נעמען אן עק באצייטנס!

עם ה' חזקו ונתחזקה, צום נייעם יאר לאמיר ערליכע אידן אינאיינעם זיך מקבל זיין צו ציען ווי מער צום אמאל און ווי ווייניגער צום אמעריקאנעם-פרעס, און אויב ליידער זענען מיר יא משוקע אין תאוות אכילה און אנדערע איבלען, כאטש לאז אנרופן דאס קינד ביים נאמען... לאז דאס רופן 'אמעריקאנער פרעס', און נישט קיין 'סעודת הילולא אין מקומות הקדושים'.

ווייל געדענקען דארפן מיר, ווי הייליגער מיר וועלן האלטן אונזערע מחנות, און ווי ריינער עס וועט זיין אונזער חינוך, וועלן די וואס האלטן ביים לעצטן שטאפל זיך אויך אוועקציען ווייטער אוועק פון אונז.

מיר דארפן זיך אויפוועקן און זיין וואך צו אלעס וואס שפילט זיך אפ ארום אונז.

לאמיר 'אויפשטיין' צו סליחות!